**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/19/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט צו 12 מיליאן צו פראגראם וואס העלפט קאנסומערס שפארן ביז 2,000 ווען זיי קויפן עלעקטרישע אויטאס**

***דער ׳דרייוו קלין׳ ריבעיט פראגראם העלפט ניו יארקער דרייוו׳ען ריינערע קאַרס און רעדוצירט אויבנאויפיגע קאסטן***

***2.7 מיליאן דאלער אויסגעטיילט אין גרענטס פאר 49 מוניציפאלע פראיעקטן צו פינאנצירן זערא-עמיסיע אויטאס און טשארדזשערס, צו העלפן רעדוצירן עמיסיעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן איבער 12 מיליאן דאלער צוגעלייגט צו דעם ׳דרייוו קלין׳ ריבעיט פראגראם צו העלפן קאנסומערס זיך שפארן ביז 2,000 דאלער אויפ׳ן איינקויפן אן עלעקטרישע אויטא און 2.7 מיליאן דאלער אויסגעטיילט פאר ארטיגע רעגירונגען צו קויפן עלעקטרישע אויטאס און אינסטאלירן זערא-עמיסיע טשארדזשינג / פיועלינג סטאנציעס פאר פובליק באניץ צו אדרעסירן קלימאט ענדערונג און בויען געזונטערע קאמיוניטיס. די סך הכל סומע פון דער קאנסומער ריבעיט פראגראם אינאיינעם מיט די גרענטס אויסגעטיילט צו 49 קאמיוניטי-באזירטע פראיעקטן קומען צו 14.7 מיליאן דאלער אויף צו פאראויס-פירן דער סטעיט׳ס באמיאונגען צו דערגרייכן ניו יארק׳ס אמביציעזע קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050.

״זערא עמיסיע אויטאס זענען איינע פון די מערסט עפעקטיווע וועגן צו רעדוצירן גרינהויז גאז עמיסיעס און שטיצן די עלעקטריזירונג פון אונזער טראנספארטאציע סעקטאר,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״יעדע גרייכפונקט וואס מיר דערגרייכן אין אריבערגיין צו ריינע עלעקטרישע אויטאס איז נאך א טריט נאענטער צו פארבעסערן לופט קוואליטעט אין קאמיוניטיס, און ניו יארק שטאלצירט זיך פארצוזעצן ווייטער צו אויספלאסטערן דעם וועג אויף א מער זויבערע, נאטורליכע צוקונפט.״

פאר קאנסומערס וואס קויפן איין אדער ליעס׳ען אן עלעקטרישע אויטא, וועט דער ׳דרייוו קלין׳ ריבעיט פראגראם אנבאטן אן איינקויף-פונקט ריבעיט וועלכס וועט רעדוצירן אויבנאויפיגע קאסטן. דער ריבעיט, וואס איז צו באקומען אין אלע 62 קאונטיס פון דער סטעיט, ווערט אנגעפירט דורך דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA), און ווערט אנגעבאטן פאר קאַר פארקויפער. ריבעיטס פון 500 ביז 2,000 דאלער זענען צו באקומען אויף איבער 60 מאדעלס פון אויטאס, און איינקויפער באקומען העכערע ריבעיטס פאר איינקויפן אדער ליעס׳ען ווייטער-גרייכנדע, פולקאם עלעקטרישע אויטאס מיט א פאבריצירער-געראטענע ריטעיל פרייז פון אונטער 42,000 דאלער.

**דאריען עם. האריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** ״סיי די ZEV אויסטיילונגען און סיי ניו יארק סטעיט׳ס ׳דרייוו קלין׳ ריבעיט פראגראם שיקן וויכטיגע מעסעדזשעס צו קאמיוניטיס און איינקויפער, און יעצט איז דער צייט צו נעמען דער פשוט׳ער טריט צו פארמאגן אן עלעקטרישע אויטא אדער ארויס-בויען א פלאט פון עלעקטרישע אויטאס. מיר קענען זיך אלע שטאלצירן

פון דער פאקט אז EV טשארדזשערס און אינפראסטרוקטור זענען ברייטער פארשפרייט לענגאויס דעם סטעיט ווי סיי ווען אין דער פארגאנגענהייט, און דאס שטיצט ניו יארקער אין זייערע באמיאונגען איינשרומפן זייער קארבאן ארויסלאז מיט ריינערע טראנספארטאציע אפציעס וועלכע העלפן בויען שטערקערע, געזונטערע קאמיוניטיס אין אונזער קאמף קעגן קלימאט ענדערונג.״

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט (DEC) קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט מאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען צו דערגרינעווען אונזער טראנספארטאציע סעקטאר דורך ארבעטן האנט-ביי-האנט מיט קאמיוניטיס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול׳ס באמיאונגען וועלכע שטיצן דאס טון למעשה ביי דער ארטיגער שטאפל. די היינטיגע גרענט באקומער שטעלן אוועק א ריינע, גרינע ביישפיל פאר די איבעריגע טייל פון דער סטעיט און לאנד. קויפן עלעקטרישע אויטאס און אינסטאלירן טשארדזשינג סטאנציעס וועט העלפן די ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן, ווי אויך איינוואוינער און באזוכער, און ווייזט וויאזוי די קאמיוניטיס מאכן עס א פריאריטעט צו רעדוצירן קלימאט-ענדערנדע שעדליכע גאז ארויסלאז.״

**ניו יארק סטעיט פּאַווער אויטאָריטעט צייטווייליגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** ״שנעלע און גרינג צוגענגליכע טשארדזשינג איז דער שליסל אויף ברייטער אננעמען עמיסיע-לאזע טראנספארטאציע. ארויסבויען אינפראסטרוקטור דורך ניו יארק׳ס EVolve-NY פראגראם מאכט גרינגער פאר איינקויפער צו טון זייער חלק אין העלפן דעם סטעיט דערגרייכן איר אמביציעזע קלימאט צילן דורך רעדוצירן שעדליכע גאז פארפעסטונג און שאפן א געזונטערע סביבה פאר אונז אלע.״

די 2.7 מיליאן דאלער אין גרענטס פאר דער 2021 רונדע פון דעם DEC מוניציפאלע ׳זערא-עמיסיע וויהיקל׳ (ZEV) פראגראם ווערט פינאנצירט דורך דער סטעיט׳ס ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד און אנגעפירט דורך DEC. די 49 אויסטיילונגען צו 20 מוניציפאליטעטן זענען אין סך הכל באלד 2.5 מיליאן דאלער צו העלפן פינאנצירן די אינסטאלאציע פון נאך 200 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס, זעקס צוגעגעבענע דירעקט קורענט שנעלע טשארדזש (DCFC) אונטערלאגעס, און צווי הייִדראָדזשען פיּועלינג רערלעך. אין צוגאב זענען 10 אויסטיילונגען אין סך הכל פון 215,000 דאלער געשאנקען געווארן פאר ניין ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו שטיצן דאס איינקויפן פון 32 פולקאם-באטערי-אפערירטע עלעקטרישע אויטאס פאר מוניציפאלע פלאט באניץ. בארעכטיגטע וויהיקלס מוזן האבן א עלעקטרישע גרייכונג פון 50 מייל.

באקומער פון די 2021 ZEV אויסטיילונגען זענען:

**קאפיטאל דיסטריקט**

טאון אָוו טשעסטער: 44,965 דאלער פאר אכט ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס

**צענטראל ניו יארק**

טאון אָוו דעוויט: 297,700 דאלער פאר צוויי הייִדראָדזשען פיּועלינג רערלעך און פיר ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס

טאון אָוו מאנליוס: 21,286 דאלער פאר פיר ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס

**פינגער לעיקס**

שטאט קאנאנדייגווא: 358,984 דאלער פאר אכט ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס

מאנראו קאונטי: 248,360 דאלער פאר 16 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס

ווילעדזש אָוו פערי: 7,500 דאלער פאר איין באטערי עלעקטרישע אויטא

**לאנג איילענד**

טאון אָוו איסט העמפטאן: 250,000 דאלער פאר 20 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
טאון אָוו העמפסטעד: 15,000 דאלער פאר צוויי באטערי עלעקטרישע אויטאס
ווילעדזש אָוו גרעיט נעק עסטעיטס: 36,436 דאלער פאר צוויי ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
ווילעדזש אָוו בעיוויל: 26,871.32 דאלער פאר צוויי ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
ווילעדזש אָוו פּאָרט דזשעפערסאן: 21,386.25 דאלער פאר צוויי ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
טאון אָוו שעלטער איילענד: 15,000 דאלער פאר צוויי באטערי עלעקטרישע אויטאס

**מיטל-הודסאן**
שטאט יאנקערס קאונטי: 261,842 דאלער פאר 74 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
טאון אָוו רעד הוק: 153,628 דאלער פאר צוויי שנעלע טשארדזש אונטערלאגעס
טאון אָוו קלארקסטאון: 89,403 דאלער פאר 10 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס און 10,000 פאר צוויי באטערי עלעקטרישע אויטאס
שטאט קינגסטאן: 73,637 דאלער פאר זעקס ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
טאון אָוו פאונד רידזש: 57,790.60 דאלער פאר 20 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
טאון אָוו מאנטגאמערי: 51,480 דאלער פאר 10 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
טאון אָוו פאקיפסי: 46,388 דאלער פאר 10 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
שטאט ניו ראשעל: 35,000 פאר זיבן באטערי עלעקטרישע אויטאס
ווילעדזש אָוו וואלדען: 22,426 דאלער פאר צוויי ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס
ווילעדזש אָוו פישקיל: 7,500 דאלער פאר איין באטערי עלעקטרישע אויטא
ווילעדזש אָוו העיסטינגס-אָן-הודסאן: 7,500 דאלער פאר איין באטערי עלעקטרישע אויטא
ווילעדזש אָוו אסינינג: 5,000 דאלער פאר איין באטערי עלעקטרישע אויטא

**ניו יארק סיטי**
שטאט ניו יארק: 112,500 פאר 15 באטערי עלעקטרישע אויטאס

**נארט קאנטרי**
טאון אָוו וועסטפארט: 112,108 פאר איין שנעלע טשארדזש אונטערלאגע

**סאוטערן טיער**
ווילעדזש אָוו מאנטור-פאללס: 104,710 פאר צוויי ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס און איין שנעלע טשארדזש אונטערלאגע

**מערב ניו יארק**
ווילעדזש אָוו שערמען: 217,200 דאלער פאר צוויי שנעלע טשארדזש אונטערלאגעס

זינט עס איז איינגעפירט געווארן אין 2016 האט דער DEC מוניציפאלע ZEV פראגראם אויסגעטיילט איבער 7.5 מיליאן דאלער פאר איינקויפן 144 פּלאָג-אין הייַבריד וויהיקלס, 106 פולקאם עלעקטרישע אויטאס, 622 ׳לעוועל 2׳ טשארדזשינג פּאָרטס, 16 שנעלע טשארדזש אונטערלאגעס, און דריי היידראָדזשען פיועלינג רערלעך. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט: [https://www.dec.ny.gov/energy/109181.html#ZEV](https://www.dec.ny.gov/energy/109181.html#ZEV).

ווי אויסגעמאלדן אין גאווערנער האקול׳ס 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט אגענדע אום יאנואר 5, וועט ניו יארק פארשנעלערן דאס איינפירן פון עלעקטרישע זערא-עמיסיע אויטאס מיט א פארגעשלאגענע 1 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן דער ברייטערע באניץ פון עלעקטרישע אויטא און איר אינפראסטרוקטור, עלעקטריזירן דער סטעיט פלאט ביז 2035, דערגרייכן 100 פראצענט עלעקטרישע סקול באסעס ביז 2035, און טראנספארמירן האָנטס פּאָוינט אויף א ריינע דיסטריביושען האָב.

די ניו יארק פֿאַווער אויטאָריטעט האט שוין ביז איצט אינסטאלירט 90 היי-ספיעד טשארדזשינג סטאנציעס אין איר EVolve-NY נעטווארק, וועלכע ברענגט שנעל טשארדזשערס מיט אפענע צוטריט צו וויכטיגע לאקאציעס לענגאויס די הויפט רייזע קארידארן און אין שטאטישע געגנטער כדי צו דערמוטיגן מענטשן אריבערצוגיין אויף צו ניצן EV'ס.

כדי צו ווייטער שטיצן די דע-קארבאניזאציע פון דער טראנספארטאציע סעקטאר, האט שוין ניו יארק סטעיט איינגעפירט עטליכע הויפט פראגראמען צו פארשנעלערן די טראנזיציע צו זערא-עמיסיע אויטאס. אין סעפטעמבער האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו באשטימען א ציל פאר אלע פאסאזשיר קארס און טראקס פארקויפט אין ניו יארק סטעיט צו זיין זערא-עמיסיע ביז 2035. גאווערנער האקול האט אויך לעצטנס אנאנסירט DEC׳ס ענדגילטיגונג פון דער ׳עדוואנסד קלין טראָק׳ תקנה וואס וועט צוביסלעכוויז איינפירן דאס פארקויפן און באניץ פון זערא-עמיסיע טראקס און וועט רעדוצירן זייערע שעדליכע פארפעסטונגען, וועלכס טוט אומפראפארציאנעל אפעקטירן דער געזונט און וואוילזיין פון אומגינציגע קאמיוניטיס.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אקט**
ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן אריינשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו דערגרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז׳ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 33 ביליאן דאלער אין 102 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ׳ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן